**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/9/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**ניו יארק שטייט מיט איבערלעבער גאווערנאר האקול מעדלט אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן באלאכטן בלוי פאר טשיילד עביוז געליטענער**

***14 לענדמארקס וועלן לייכטן בלוי אין עהרע פון טשיילד עביוז פארמיידונג מאנאט***

דורכאויס נאציאנאלע פארברעכן געליטענער'ס רעכטן וואך (National Crime Victims' Rights Week), און טשיילד עביוז פארמיידונג מאנאט (Child Abuse Prevention Month), גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן 14 סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן באלאכטן בלוי היינט נאכט צו הייבן באקאנטשאפט איבער די סטעיט'ס פארמיידונג באמיהונגען צו באשיצן קינדער און פאמיליעס. גאווערנער Hochul (האקול) האט לעצטנס ארויסגעגעבן א דערקלערונג וואס צייכנט אן אפריל אלץ טשיילד עביוז פארמיידונג מאנאט אין ניו יארק סטעיט.

"מיין העכסטע פריאריטעט איז צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער - ספיציעל אונזער קינדער" **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך ארבעטן צוזאמען, קענען אונז פארזיכערן אז יעדער קינד האט די געלעגנהייט צו בליען אין א פארזיכערטע און נירענדע ענווייראמענט. איך בין פארפליכטעט צו העכערן די שטימעס פון איבערלעבער, און שטיצן פאמיליעס און אדוואקאטן, אזוי אויך געזעץ ענפארסירונג, ווען אונז ארבעטן צו פאראויסריקן דרייסטע איניציאטיוון צו פארמיידן טשיילד עביוז אין ניו יארק סטעיט."

די היי יעריגע טעמע פאר די מאנאט איז "שטיצן קינדער און פאמיליע וואויל-זיין" (Supporting Child and Family Well-Being) צו אינטערשטרייכן הויפט פארמיידונג מיטלען וועלכע קענען העלפן און פארשטערקערן פאמיליעס, ענדגילטיג פארמיידן טשיילד עביוז און פארנאכלעסיגקייט. צווישן די מיטלען זענען פאמיליע געלעגנהייט צענטערן (Family Opportunity Centers) און פאמיליע רעסארס צענטערן (Family Resource Centers) לאקאירט איבער ניו יארק סטעיט, און די OCFS HEARS הילפליניע.

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) קאמיסיאנער דאקטאר DaMia Harris-Madden (דאמיא העריס-מעדען) האט געזאגט,** "OCFS איז פארפליכטעט צו שטיצן באווייז-באזירטע און אינאווירענדע איניציאטיוון צו פארמיידן טשיילד עביוז דורך פארמיידונג סערוויסעס און שטיצע וועלכע פארשטערקערן פאמיליעס און האדעוועט געזונטע ענווייראמענטן פאר קינדער. אונז זענען גליקלעך צו וואוינען אין א סטעיט וואו אונזער גאווערנער טוט פרא-אקטיוו פירן פון די הארץ און מח, אומצווייטיידיטיג שטיצענדיג די באשיצונג פון אלע ניו יארקער, ספיציעל די וואס זענען די מערסטע אויסגעשטעלט. גאווערנער Hochul's (האקול) פולע פארפליכטונגען רעכענען אריין אינוועסטירונגען אין די פאמיליע געלעגנהייט צענטערן און פאמיליע רעסארס צענטערן, לאקאירט איבער די סטעיט. די צענטערן זענען אויסגעשטעלט צו פארשטערקערן פאמיליעס און

פארבעסערן באשיצונג פאקטארן ווי עלטערן שטאנדהאפטיגקייט, געזעלשאפט פארבינדונגען און צוטריט צו רעסארסן."

אין צוגאב צו ארויסגעבן די פראקלאמאציע, גאווערנער Hochul (האקול) האט אנגעוויזן אז 14 סטעיט לענדמארקס און געביידעס זאלן ווערן באלאכטן אין אנערקענונג פון טשיילד עביוז פארמיידונג מאנאט.

די לענדמארקס און געביידעס באלאכטן היינט נאכט, אפריל 9, רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער (One World Trade Center)
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאַסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוקעישן געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)
- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער ( – State Fairgrounds Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "Franklin D. Roosevelt" (פרענקלין ד. רוזעוועלט) מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג (Albany International Airport Gateway)
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

גאווערנער Hochul (הקאול) טוט ווייטער שטיצן פאמיליע און קינדערווייז איניציאטיוון אויסגעשטעלט צו פארמערן באשיצונג פאקטארן וועלכע פארמינערן די ריזיקע פון טשיילד עביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג. אין איר 2025-2026 עקזעקעטיווע בודשעט (Executive Budget), גאווענער Hochul (האקול) האט פארגעשלאגן א 9.2 מיליאן דאלאר פארמערונג אין פינאנצירונג פאר די ניו יארק סטעיט קינדער אדוואקאטירונג צענטערן (Child Advocacy Centers, CACs) - מער פון טאפלט די פריערדיגע יערליכע פינאנצירונג. טשיילד אדוואקאטירונג צענטערן שטעלן צו א קינדער-פריינטליכע, זיכערע, שטיצענדיגע ענווייראמענט פאר קינדער געליטענע פון עביוז/פארנאכלעסונג און זייער נאן-אפענדינג קעיר געבער.

אין צוגאב, ניו יארק סטעיט האט ווייטער פארגעזעצט צו שטיצן פאמיליע געלעגענהייט צענטערן און פאמיליע רעסארס צענטערן, וועלכע זענען לאקאירט ביי נישט-פאר-פראפיט סאושעל סערוויסעס ארגענעזאציעס און פובליק שולעס און צילן צו פארבעסערן פאמיליע וואויל-זיין דורך פארבעסערן סאושעל פארבינדונגען, באקאנטשאפט איבער ערציונג און קינדער אנטוויקלונג, און עלטערן שטאנדהאפטיגקייט, און דורך צושטעלן קאנקרעטע-שטיצע וי עסנווארג הילף, וואוינונג שטיצע און פארבינדינגען צו קוואליטעט פיזישע און גייסטישע העלטקעיר. די פאמיליע געלעגענהייט צענטערן האט זיך אנגעהויבן דורך א צוזאמארבעט צווישען OCFS און די ניו יארק סטעיט עדיוקעישען דעפארטמענט (New York State Education Department, NYSED).

אין צוגאב, נאך א שריסל פארמיידונג און פאמיליע פארשטערקערונג מיטל איז די OCFS HEARS ליניע (העלף, פארשטערקער, אדוואקאטיר, פארזיכער און שטיץ) וועלכע איז אויסגעשטעלט צו פארבינדען פאמיליעס און געמיינדע רעסארסעס וועלכע שטעלן צו הילף מיט וואוינונג, עסנווארג, העלטקעיר און נאך.

יעדער קען רופן HEARS1-888-55 ‏(1-888-554-3277) מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:30 a.m. ביז 4:30 p.m.

**איבער די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס**
די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס דינט ניו יארק'ס פובליק דורך מוטיגן די זיכערהייט, פערמענאנטקייט, און וואוילזיין פון אונזערע קינדער, פאמיליעס, און געמיינדעס. די אגענטור שטעלט צו א סיסטעם פון פאמיליע שטיצע, יוגנטליכע גערעכטיגקייט, יוגנטליכע אנטוויקלונג, טשיילד קעיר און טשיילד וועלפעיר סערוויסעס און איז פאראנטווארטליך פאר די פראגראמען און סערוויסעס וואס נעמען אריין פאסטער קעיר, אדאפשאן און אדאפשאן הילף, קינדער באשיצונג סערוויסעס, פארמיידנדע סערוויסעס פאר קינדער און פאמילעס, און פארמיידנדע פראגראמען פאר עמפינדליכע ערוואקסענע.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן